**גאווערנאר קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/10/2021

## גאווערנאר האוקאל אנאנסירט באלייכטונג פון NYS וויכטיגע געביידעס און בריקן צו אפצייכענען אינטערנאציאנאלע מענטשן רעכטן טאג

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז וויכטיגע געביידעס וועלן באלאכטן ווערן אין בלוי היינט, דעצעמבער 10, 2021, צו אפצייכענען די אינטערנאציאנאלע מענטשן רעכטן טאג וועלכע ווערט אפגעהאלטן יעדע יאר אום דעצעמבער 10 צו געדענקן דאס אננעמונג פון די אוניווערסאלע דעקלעראציע פון מענטשן רעכטן אין 1948. די וויכטיגע דאקומענט רעכנט אויס די אומבארירבארע רעכטן וועלכע יעדער איז בארעכטיגט צו אלץ א מענטש, אפגעזעהן פון ראסע, קאליר, רעליגיע, סעקס, שפראך, פאליטישע אדער אנדערע מיינונג, נאציאנאלע אדער געזעלשאפטליכע אפשטאם, אייגנטום, געבורט אדער אנדערע סטאטוס.

"עלענאר רוזעוועלט – איינע פון אונזער סטעיט'ס מערסט געשעצטע איינוואוינער און א טרייב קראפט הונטער די אוניווערסאלע דעקלעראציע פון מענטשן רעכטן – האט געזאגט אז מענטשן רעכטן הויבן זיך אן נאענט צו דער היים, און איך שטים צו מיט מיין גאנצע הארץ", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק האט געפירט דאס לאנד מיט מענטשליכע רעכטן שיצונגען זינט 1945, און אלץ גאווערנער, וועל איך זיכער מאכן אז אונזער סטעיט זעצט פאר צו זיין א לייכט טורעם פון האפנונג פאר אונטערגעדרוקטע מענטשן ארום די וועלט."

די בריקן און געביידעס וועלכע וועלן אויפגעלאכטן ווערן צו אפצייכענען די אינטערנאציאנאלע מענטשן רעכטן טאג רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייננגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקוועיר וויעדאָקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייננגאנג
- דער לעיק פלאסיד אלימפישע שפרינגען קאמפלעקס
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- עמפייער סטעיט פלאזא

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון מענטשן רעכטן (Division of Human Rights) עקטינג קאמישאנער מאריא ל. אימפעריאל האט געזאגט,** "יעדער איינער בענעפיטירט פון דאס שאפן א יושר'דיגע געזעלשאפט. מיר באנעמען זיך נישט מיטן גיבן פאר מענטשן א זיץ ביים טיש. מיר באנעמען זיך מיטן בויען א נייע טיש וואס איז אפן פאר יעדן. די אפטיילונג פון מענטשן רעכטן איז איבערגעגעבן צו זיכער מאכן אז יעדער מענטש וואס וואוינט, ארבעט אדער לערנט אין ניו יארק סטעיט האט גלייכע געלעגנהייטן."

ניו יארקער קענען לערנען מער איבער די מענטשן רעכטן געזעץ אדער באריכטן נייגונגען און דיסקרימינאציע דורכן זיך פארבינדן מיט די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון מענטשן רעכטן אויף 1-888-392-3644 אדער באזוכן https://dhr.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן